בס"ד

# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

342 · פרשת ואתחנן · תש"פ

## מאוצרות אמונים

## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### א תפילה אויף תפילה

"וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר" (ג כג)

די ווארט "לאמר" וואס איז איבעריג טייטש **רבי פנחס הלוי הורוויץ** דער פראנקפורטער רב:

אין מסכת ברכות (ד ב) ווערט געברענגט אז רבי יוחנן האט מתקן געווען אז בעפאר תפילת שמונה עשרה זאל מען זאגן דעם פסוק: "ה' שפתי תפתח ופי יגיד תהלתך" (תהילים נא יז), און בעטן אז די תפילה זאל זיין "שגורה בפיו". אויך דא, ווען משה איז געקומען בעטן רחמים פון השי"ת, האט ער פון פריער געבעטן: "לאמר" - אז זיין תפילה זאל זיין "שגורה בפיו", און אזוי וועט עס אנגענומען ווערן לרצון (זעה ברכות לד ב).

'פנים יפות'

### תפילת 'נעילה' וואס טוט איבערוועגן

"וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר" (ג כג)

"זה אחד משלשה מקומות שאמר משה לפני המקום איני מניחך עד שתודיעני אם תעשה שאלתי אם לאו" (רש"י, ע"פ דב"ר ב ו).

אין מדרש (דב"ר יא י) שטייט אז תקט"ו תפילות - וואס איז בגימטריה 'ואתחנן' האט משה געדאווענט פאר ה' ער זאל זוכה זיין אריינגיין אין ארץ ישראל, און זיי זענען נישט אנגענומען געווארן. עס זעהט אויס אז זיין געבעט - אז השי"ת זאל אים מעלדן צי זיין תפילה איז אנגענומען, צי נישט, איז געזאגט געווארן ביי די לעצטע תפילה - די 515'סטע, ווייל נאכדעם האט אים ה' באפוילן (שפעטער פס' כו): "רב לך אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה". און מ'דארף פארשטיין פארוואס האט ער געווארט ביז יעצט דאס צו בעטן?

א וואונדערליכער פשט אויף דעם ערקלערט דער **'חתם סופר'**:

די פאסירונג וואס צוליב דעם איז נגזר געווארן אויף משה נישט אריינגיין אין א"י, איז געווען דאס שלאגן די "באר" עס זאל ווייטער ארויסגעבן וואסער וואס האט אויפגעהערט נאך די פטירה פון מרים - אום י' ניסן. עס זעהט אויס אז צוליב די כבוד פון מרים האט די "באר" נישט אויפגעהערט צו געבן וואסער באלד ווען זי איז אוועק, נאר ווען עס האט זיך געענדיגט די 'שבעה' - אום י"ז ניסן. יענעם טאג האט משה געשלאגן די שטיין און אויף אים איז נגזר געווארן ער זאל נישט אריינגיין אין ארץ ישראל, און פון יענעם טאג און ווייטער האט ער יעדן טאג געדאווענט אז די גזירה זאל בטל ווערן, דריי מאל א טאג - ביי שחרית, ביי מנחה און ביי מעריב. אויב מיר וועלן רעכענען די טעג פון יעצט און ווייטער, וועלן מיר זען אז די 514'סטע תפילה איז געווען די תפילה פון מנחה אין יום כיפור. אין דעם טאג האט ער מתקן געווען נאך א תפילה - דאס איז תפילת נעילה, ווייל ער האט נישט געוואלט עס זאל אריבערגיין דעם יום כיפור און די גזירה זאל בטל ווערן, ווייל אזוי זאגן די חכמים (ר"ה יז ב) א גזירה וואס איז נגזר געווארן אויף א יחיד אין יום כיפור, קען נישט בטל ווערן, און דאס איז געווען די 515'סטע תפילה.

### דאווענען מיט קלארע ווערטער

וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר (ג כג)

די ווארט "לֵאמֹר" ערקלערט **רבנו בחיי**: "די תפילה האט ער ארויסגעזאגט מיט די ליפן". ד.מ.: משה האט מקפיד געווען ארויסזאגן זיין געבעט מיטן מויל, און האט זיך נישט באגענוגט מיט טראכטן, אזוי ווי עס שטייט אין גמרא (ברכות לא א) "מכאן למתפלל שיחתוך בשפתיו". לייגט צו דער **חיד"א** אז די גמרא מיינט נישט זאגן אז מ'דארף הויעך דאווענען, נאר מ'דארף ארויס זאגן די ווערטער קלאר מיט די ליפן. און מ'קען טרעפן א רמז אויף דעם, די ראשי תיבות: 'בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר' איז 'הבל', ד.מ. אז ווען ער דאווענט זאלן זיינע ליפן ארויסגעבן פארע און נישט קיין קול.

אין די ערקלערונג פון די ווערטער אין די גמרא (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כוחו פותחים לו שערי גן עדן" קריגן זיך ארום די ראשונים: רש"י (שם ד"ה בכל כחו) טייטש: "בכל כוונתו", אבער תוספות (שם ד"ה כל) טייטשן: "בקול רם". אבער דער **מהר"ל** וואונדערט זיך אויף די שיטות, פארוואס שטייט נישט: "בקול רם" אדער "בכל כוונתו", דעריבער טייטשט ער די ווערטער "בכל כוחו" פשוט פשט, מ'דארף ארויסזאגן 'אמן' מיט די גאנצע ליפן און נישט אבי געזאגט.

'נחל קדומים' 'נתיבות עולם' נתיב העבודה יא

יעצט פארשטייט מען פארוואס פונקט 'בעת ההיא' האט ער געוואלט וויסן צי זיין תפילה איז אנגענומען געווארן, צי נישט, ווייל פון אלע תפילות וואס ער האט געדאווענט ביז יעצט, דאס מערסטע האט די תפילה אויסגעמאכט צי זיין געבעט וועט אנגעומען ווערן.

'דרשות חתם סופר' ח"ב עמ' שלד

### א גאנצע שטארקייט אין זכות פון א גאנצע קריאת שמע

"וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה' אֱלֹקֵיכֶם חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם" (ד ד)

**רבי משה חיים אפרים פון סדילקוב** זאגט:

חז"ל זאגן (תנחומא קדושים ו): "קריאת שמע זאל נישט זיין גרינג אין דיינע אויגן, ווייל עס זענען דא אין דעם רמ"ח ווערטער אזוי ווי די צאל איברים וואס זענען דא אין א מענטש..." און עס איז גע'פסק'נט געווארן אין 'שולחן ערוך' (או"ח סא ג) ווייל אין קריאת שמע זענען דא נאר רמ"ה ווערטער, כדי משלים זיין צו די צאל רמ"ח - אקעגן די רמ"ח איברים וואס זענען אין מענטש - זאל דער שליח ציבור איבערזאגן די דריי ווערטער: "ה' אלוקיכם אמת".

ווייל יעדע ווארט פון קריאת שמע שענקט חיות פאר איינס פון די גלידער פון א מענטש, קומט אויס אז דורך זאגן "ה' אלוקיכם אמת" איז דער מענטש זוכה צו א גאנצע שטארקייט אויף אלע זיינע רמ"ח איברים. און אויף דעם איז דער פסוק מרמז: ווען די ווארט "וְאַתֶּם" - אותיות 'אמת', "הַדְּבֵקִים בַּה' אֱלֹקֵיכֶם" - איז באהאפטן צו די ווערטער 'ה' אלוקיכם' ביי קריאת שמע, זענען ענק פארזיכערט אויף 'חיים כולכם היום' - מיט די רמ"ח אברים און שס"ה גידים.

מ'דערציילט אויף **רבי אברהם שמואל פון איישישוק** בעל **'עמודי אש'** אז איינמאל איז ער אנגעקומען צו תפילת שחרית ווען זיינע באקן זענען שטארק אנגעבלאזן. זיין גוטער פריינד רבי חיים לייב פון סטאוויסק וואס איז אויפגעציטערט געווארן אים צו זעהן אזוי האט אים געפרעגט דערויף. און איז געענטפערט געווארן מיט א איבערראשנדע ענטפער: "נעכטן, צו מיין ווייטאג, האב איך ביי קריאת שמע של מעריב נישט אינזין געהאט ווי עס דארף צו זיין", האט דער 'עמודי אש' געענטפערט, "און צוליב דעם האבן מיינע ציין ווי געטוהן א גאנצע נאכט ביז מיינע באקן האבן זיך אנגעבלאזן. יעצט ביי שחרית וועל איך זיך משתדל זיין עס פאררעכטן ווען איך וועל ביי קריאת שמע של שחרית יא מדקדק זיין, און איך וועל זיכער אויסגעהיילט ווערן". און אזוי ווי ער האט געזאגט איז טאקע געווען. ויהי לפלא.

'דגל מחנה אפרים'; 'נטעי איתן' ח"ז אות א

### 'כמים הפנים לפנים כן לב האדם לאדם'

"וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשְׁךָ וּבְכָל מְאֹדֶךָ" (ו ה)

עס איז באקאנט די פראגע: 'אהבה' איז דאך א געפיל וואס ווערט ערוועקט פון זיך אליין אין הארץ פון א מענטש, איז וויאזוי קען מען אונז באפעלן: "ואהבת את ה' אלוקיך"?

ערקלערט **רבי עקיבא אייגער**:

שלמה המלך לערנט אונז (משלי כז יט): "כמים הפנים לפנים כן לב האדם לאדם". אזוי ווי וואסער שפיגלט אפ דעם פנים פון דער וואס קוקט אריין אין זיי, אזוי אויך די הערצער פון מענטשן שפיגלען זיך אפ איינער אינעם צווייטן; דער וואס האט ליב זיין חבר - האט זיין חבר אים אויך ליב, דאקעגן דער וואס האט פיינט זיין חבר, האט אים זיין חבר צוריק פיינט (רש"י יבמות קיז א).

אויב מיר וועלן אריינעמען אין זיך אז דער אייבערשטער האט אונז באמת ליב, וועט פון זיך אליין ערוועקט ווערן אין אונזערע הערצער א ליבשאפט צו אים - 'כמים הפנים לפנים'. צוליב דעם האט מען מתקן געווען זאגן בעפאר קריאת שמע די ברכה 'הבוחר בעמו ישראל **באהבה**' - ביי שחרית, און '**אוהב** עמו ישראל' - ביי מעריב, ווייל ווען מיר וועלן זיך דערמאנען אין זיין ליבשאפט, וועט אונז גרינגער ווערן מקיים זיין די מצוה פון 'ואהבת'.

'מלין חדתין'

"כִּי מִי גוֹי גָּדוֹל אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו" (דְּבָרִים ד ז)

מאנטיג י"ג מנחם אב (תקפ"ט) געפאלט אויס די יומא דהילולא פון דער מאור הדורות רבינו מרדכי בנעט זצ"ל. איבער זיין הייליגע מנהג יעדן אינדערפריה, דערציילט זיין זון רבי יעקב אברהם:

"אגאנץ לעבן האט ער נישט געדאוונט אין זיין הויז מיט א מנין, נאר ער איז יעדן טאג געגאנגען אין שול בזריזות מיט א קביעות. קעלט און רעגן האבן אים נישט אפגעשטעלט, היץ און זון האבן אים נישט אפגעהאלטן, כדי דער ציבור זאל זעהן און טון אזוי ווי ער טוט. שטענדיג איז ער געווען פון די עשרה ראשונים, און האט פון יעדן אויסגעהערט די ברכות השחר כדי צו ענטפערן אמן נאך זיי, און נאכדעם האט ער געזאגט די ברכות אויפן סדר מיט א זיסע שטימע און מיט כוונה בעפאר דער ש"ץ האט זיך געשטעלט דאווענען..."

('תולדות ר' מרדכי בנעט' דף ח).



'בני אמונים' - מיר שטייען אויף פריה אויף ברכות השחר

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר
פון דאווענען

## ברכות התורה (ג)

### תורה לשמה און ידיעת ה'

די תורה מצד איר טבע ברענגט צו אז דער וואס לערנט זאל איינערקענען זיין באשעפער און זיך באהעפטן צו אים. מער פון דעם זאגן די חכמים (ספרי עקב יא כב) אז דאס איז דער תכלית פון לימוד התורה. דעריבער אין די ברכה בעטן מיר אז מיר אלע זאלן זוכה זיין צו זיין "יודעי שמך", ד.מ. זיין דבוק אין השי"ת'ס וועגן דורך לערנען תורה ('פירוש התפלות והברכות' לר"י בן יקר ח"ב עמ' כב; 'עולת תמיד' פרק י).

אין די ווערטער: "וְלוֹמְדֵי תוֹרָתֶךָ לִשְׁמָהּ" בעטן מיר אז מיר זאלן זוכה זיין לערנען תורה לשמה, און אזוי ווי די חכמים זאגן (ספרי עקב מח): "אפשר וועסטו זאגן, איך לערן תורה כדי איז זאל אנגערופן ווערן א חכם, כדי איך זאל אויסלערנען פאר אנדערע, צי כדי איך זאל מאריך ימים זיין אין עולם הבא, דעריבער שטייט (דברים יא יג): 'לאהבה את ה' אלוקיכם' - דו לערנען וויאזוי ס'זאל נאר נישט זיין, וסוף הכבוד לבוא" ('אבודרהם').

אין די הגדרה פון לערנען 'לשמה' זענען דא עטליכע שיטות:

א. לערנען כדי צו מקיים זיין די באפעל פון השי"ת וואס האט אונז באפוילן לערנען תורה (רש"י תענית ז א ד"ה לשמה; רמב"ם תשובה י ה).

ב. לערנען כדי צו מקיים זיין די אלע מצוות פון די תורה ('ספר חסידים' יז; 'מגיד משנה' ת"ת י ג).

ג. לערנען 'לשם התורה' - כדי צו וויסן די תורה און איר פארשטיין (רא"ש נדרים סב א ד"ה ודבר בהן; 'נפש החיים' ד ג).

ד. לערנען כדי זיך מדבק זיין אין ה' (תניא ליקוטי אמרים פ"ה).

### קבלת התורה - דריי מאל

דער **גר"א** ('אמרי נועם' ברכות יא ב) זאגט: מיר טרעפן אז די אידן האבן אויף זיך מקבל געווען די תורה דריי מאל, און אויף די דריי מאל לויבן מיר אין די ברכה 'אשר בחר בנו':

א. "אשר בחר בנו מכל העמים" - דעם צווייטן טאג וואס מיר זענען געווען נעבן די בארג סיני האט השי"ת אונז געזאגט (שמות יט ה): "ושמרתם את בריתי והייתם לי סגולה מכל העמים", און דעמאלטס האבן מיר מקבל געווען די אלע מצוות.

ב. "ונתן לנו את תורתו" - ד.מ. תורה שבכתב, ביי מעמד הר סיני.

ג. "ברוך אתה ה' נותן התורה" - ד.מ. תורה שבעל פה, וואס איז אונז געגעבן געווארן דורך משה רבינו, און האט כורת געווען א ברית מיט אונז אויף דעם.

### 'נותן התורה' ביזן היינטיגן טאג

די חכמים זאגן (תנחומא תשא יז) אז בשעת מתן תורה האבן זיך געעפנט פאר משה די קוועלער פון חכמה, און אויסער וואס הקב"ה האט אים אויסגעלערנט תורה שבכתב און בעל פה, האט ער אים דעמאלטס אנטפלעקט אלעס וואס די חכמים וועלן מחדש זיין אין לויף פון די קומענדיגע דורות.

פון דעם לערנען מיר, אז די רוחניות'דיגע השפעה וואס איז אראפ געקומען פאר כלל ישראל בשעת מתן תורה האט זיך קיינמאל נישט אויפגעהערט, און ביזן היינטיגן טאג, די תלמידי חכמים וואס לערנען תורה לשמה זענען זוכה אין זיין זכות מחדש זיין חידושים לאמיתה של תורה. דעריבער ענדיגן מיר די ברכה מיט די ווערטער 'נותן התורה' - מיט א לשון הווה, און נישט מיט א לשון עבר אזוי ווי ביי אנהייב די ברכה: 'אשר נתן', ווייל ביזן היינטיגן טאג האט זיך נישט אויפגעהערט דעם אייבערשטנ'ס קול וואס איז געהערט געווארן ביי מתן תורה אויפן בארג סיני ('תורת חיים' ב"מ פה א).

### ענטפערן אמן נאך ברכות התורה

דער **'פרי מגדים'** שרייבט ('תבת גמא' דברים לב ג; 'פרי מגדים' א"א רטו ו) אז לויטן רמב"ן וואס האלט אז ברכת התורה איז א מצות עשה מן התורה, אויך ענטפערן אמן נאכדעם איז א מצות עשה מן התורה. ווייל דער מקור פון 'ברכת התורה' איז פון דער פסוק (דברים ח י): "כי שם ה' אקרא הבו גודל לאלוקינו". און רש"י ערקלערט (שם ד"ה כי): בעפאר משה האט אנגעהויבן שירת האזינו האט ער געזאגט פאר די אידן: "כי שם ה' אקרא" - מיטן זאגן 'ברכת התורה', פארן לערנען, און ענק "הבו גודל לאלוקינו" - מיטן ענטפערן אמן נאכדעם. קומט אויס אז אין דעם פסוק זענען מיר באפוילן געווארן אויף ברכת התורה און אויך אויף ענטפערן אמן אויף דעם, און אזוי ווי ברכת התורה אליין, איז א מצוה מן התורה לויטן רמב"ן, אויך ענטפערן אמן נאכדעם איז א מצוה מן התורה. קומט אויס אז דער וואס הערט ברכת התורה און ענטפערט נישט קיין 'אמן' נאכדעם איז מבטל א מצות עשה מדאורייתא.

לויט דעם פסק'נט דער 'פרי מגדים', ווען איינער שטייט נאנט צו צוויי מענטשן, איינער וויל זאגן ברכת התורה, און דער צווייטער - א אנדערע ברכה וואס איז נאר מדרבנן, ענדערשט זאל ער צוהערן צו דעם וואס זאגט ברכות התורה און ענטפערן נאך אים אמן, ווייל דער חיוב צו ענטפערן אמן נאך דעם איז מן התורה.

**בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לַעֲסוֹק** זיך פלאגן **בְּדִבְרֵי תוֹרָה.**

**וְהַעֲרֶב** - און מאך זיס **נָא ה' אֱלֹקֵינוּ, אֶת דִּבְרֵי תוֹרָתְךָ בְּפִינוּ וּבְפִיּוֹת [וּבְפִי כָל] עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל, וְנִהְיֶה אֲנַחְנוּ וְצֶאֱצָאֵינוּ** - און אונזערע קינדער [**וְצֶאֱצָאֵי צֶאֱצָאֵינוּ** - און אונזערע קינד'ס קינדער] **וְצֶאֱצָאֵי כָל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל, כֻּלָּנוּ יוֹדְעֵי שְׁמֶךָ** - באהאפטן אין דיינע וועגן, **וְלוֹמְדֵי תוֹרָתְךָ לִשְׁמָהּ** - לשם די מצוה פון תלמוד תורה **בָּרוּךְ אַתָּה ה' הַמְלַמֵּד** - אויך אין די יעצטיגע צייטן **תורה לעמו ישראל** - מיט דעם וואס ער העלפט זיי זאלן קלאר פארשטיין וואס זיי לערנען.

**אָמֵן** - עס איז **אמת** אז אויף אונז ליגט צו לויבן ה' אויף דעם וואס ער האט אונז געהייליגט מיט זיינע מצוות און אונז באפוילן לערנען תורה, און העלפט אונז צו לערנען, און **הלוואי** אז מיר מיט אונזערע קינדער זאלן לערנען תורה לשמה.

**בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל הָעַמִּים וְנָתַן לָנוּ אֶת תּוֹרָתוֹ. בָּרוּךְ אַתָּה ה' נוֹתֵן הַתּוֹרָה** אין אלע דורות, ווייל ביזן היינטיגן טאג, אין זכות פון מתן תורה, דער וואס לערנט לשמה איז זוכה מחדש זיין חידושים.

**אָמֵן** - עס איז אמת אז אויף אונז ליגט צו לויבן דעם אייבערשטן אויף דעם וואס ער האט אונז אויסדערוועלט פון אלע פעלקער און אונז געגעבן די תורה.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## א ישועה צווישן די ווענט פון 'מס הכנסה'

עס איז דא עפעס באזונדער אין א באזוך אין די אפיסעס פון מס הכנסה (TRS). דו דרייסט זיך ארום צווישן די לאנגע און געדרייטע קארידארן, דו גייסט אריבער פון איין ווארט-צימער צו א צווייטע, באטראכסט מיט דיינע אויגן די קליינע טאוולען וואס מעלדן דעם נאמען פונעם באאמטער אין זיצט אין דעם דערנעבנדיגן צימער, א נאמען וואס ס'קען זיין אז עס זאגט דיר נישט אסאך, אבער דו דארפסט וויסן אז יעדער פון די וואס זיצן אין די צימערן איז ווי א 'קעניג' אין זיין תפקיד אויף וואס ער איז געשטעלט געווארן.

קיינער קומט נישט באזוכן אין די אפיסעס פון מס הכנסה אויף צו פארברענגען, דארט קומט נאר ווער עס איז געצווינגען אזוי צו טון. אויב אזוי איז נישט קיין וואונדער אז די שטערנ'ס פון די וואס באזוכן דארט ווערן שטענדיג זיין פארקנייטש, און אויף זייערע אויגן זעהט זיך אן א אנגעצויגנקייט, א טרויער אדער אלע ביידע צוזאמען.

א באזוך אין די מס הכנסה אפיסעס איז נישט קיין גרויסע פארגענוגן פאר א געוועגליכן מענטש. און זיכער נישט פאר איינעם וואס האט שוין יארן לאנג אין שטוב א געשעפט, און האפט נאך אסאך לאנגע יארן ווייטער עס פירן, אן די פרעמדע אויגן זאלן איבערקוקן זיינע ביכער, צוליב דעם איז ער איבערראשט געווארן ווען אין א העלן טאג האבן אנגעקלאפט אויף זיין טיר די פארשטייער פון מס הכנסה און אים געמאלדן אז זיי ווילן איבערקוקן זיינע ביכער.

אזוי איז די ערציילונג פון ר' אשר, א ערליכער איינוואוינער אין די שטאט אשקלון, וואס איז באקאנט פאר אלע זיינע באקאנטע אלץ 'א מענטש וואס מ'קען זיך פארלאזן אויף אים'. אין לויף פון די סאך יארן וואס ער האט געדינט אלץ א מעקלער, האט ער אויסגעפירט אסאך געשעפטן פון פארקויפן אסאך הונדערטער הייזער אין זיין געגנט. ביז די פארשטייער האבן זיך אויף אים ארויפגעזעצט...

ר' אשר האט חלילה קיינמאל נישט געטראכט צו פארהוילן שטייער, ער האט מקפיד געווען אויפשרייבן אלע זיינע הכנסות און הוצאות, אבער עס איז נארמאל עס זאל געשען פארשידענע גרייזן, אזויפיל גרייזן וואס אין לויף פון די סאך יארן האט עס געקענט ערוועקן זייער פארדאכט, און צוליב דעם האט דער מענטש זיך געטראפן אין א העלן טאג וואו ער ווערט גערופן אויף א דרינגנדע אויספארשונג אין די הויפט אפיסעס פון מס הכנסה וואס געפינט זיך אין די שטאט תל אביב.

דער צענטער פון די שטאט תל אביב, איז נישט באקאנט אלץ א פאסיגע פלאץ פאר א ערליכער איד, אבער ההכרח לא יגונה. נאך עטליכע סטראשונגען פון זיי, האט ר' אשר געמוזט אראפנעמען צייט פון זיין אנגעפילטן סדר היום, עטליכע שעות וואס ער וועט מוזן זיך וואלגערן אויף די וועגן און ווארטן אויף די גוט'ס הארציגקייט פון די שטייער-באאמטע וואס געפונען זיך אין צענער פון די שטאט תל אביב.

אין אנהויב האט ער פרובירט אפשטופן די רייזע, אבער זייער שנעל האט ער פארשטאנען אז ווי פריער ער וועט זיך אפגעבן מיט זיין פעקל, וועלן די שאדנ'ס זיין ווייניגער. ר' אשר איז אויפגעשטאנען פריה, און נאך וואס ער האט געענדיגט זיין קביעות'דיגן סדר היום האט ער זיך געווענדן צו די אשקלון באהן-סטאנציע. מיט די באהן האט ער האט געהאפט אנקומען זייער שנעל קיין תל אביב, ווייל די 'תחנת השלום', די באהן-סטאנציע אין תל אביב, געפינט הארט נעבן די אפיס'עס פון מס הכנסה.

א טאג בעפאר האט ר' אשר זיך גוט נאכגעפרעגט אויף די צייטן פון די באהן, ער האט ביי זיך געמאכט א חשבון אויב וועט ער ארויסגיין אין א געוויסע שעה, וועט ער אנקומען איין שעה בעפאר די אפיסעס פארמאכן זיך און אזוי וועט ער שנעל ערלעדיגן זיין פרשה, און זיך שנעל צוריק אהיים קערן. אין די באשטימטע צייט האט ער זיך געאיילט ארויסגיין צו די סטאנציע. אבער אויפן וועג האט זיך געמאכט א אומגעראכטענע אפהאלט, און ווען ער איז אנגעקומען אין די סטאנציע האט ער אנגעיאגט צו זעהן די רויעך פון די באהן.

מיט זיין גאנצע ווילן האט ער אבער פארשפעטיגט די באהן, און ד.מ. אז ער וועט מוזן ווארטן ארום א שעה ביז די קומענדיגע באהן, און צוליב דעם וועט ער מוזן ווארטן נאך עטליכע שעה'ן אין תל אביב, ביז די אפיס'עס וועלן זיך צוריק עפענען אין די נאכמיטאג שעה'ן.

אסאך אפציע'ס האט ער נישט געהאט. ער האט געווארט אויף די קומענדיגע באהן, און ווי גערעכנט, ווען ער איז אנגעקומען צו די אפיס'עס פון מס הכנסה, פינף מינוט פארן אפשפארן, איז ער באלד אריין מיט איין אטעם און האט געזען ווי אסאך מענטשן ווארטן דארטן, ער האט פארשטאנען אז ער האט נישט קיין ברירה נאר צוריק קומען נאכמיטאג. ער האט זיך אויסגעדרייט אויף זיינע פוס טריט מיט גרויס עגמת נפש, ער איז אריין צו די ערשטע עליוועיטער וואס האט זיך געעפנט פאר אים און האט זיך געוואנדן אראפ פארן צו די ארייננגאנג.

דארט זענען געווען עטליכע מענטשן, איינער פון זיי א פרומער מיט א קאפל. די עליוועיטער האט אנגעהויבן אראפפארן, און דער פרומער כאפט אים אן ביים ארבל און אינטערעסירט זיך: "האסט געדאווענט מנחה, רבי איד?". "ניין" - ענטפערט ר' אשר, "קוים איז יעצט געווארן די זמן". "אנטשולדיגט, צדיק, קום משלים זיין די מנין", בעט זיך דער מענטש, און ר' אשר האט נישט געקענט אפזאגן. ער האט זיך נאכגעשלעפט נאך אים צו די שול וואס איז אויף די ערשטע שטאק פון די געביידע.

ר' אשר דאוונט מנחה מיט גרויס כוונה, ביי אים איז יעצט געווען אזוי ווי א יום הדין. נאכן ענדיגן דאווענען הערט ער ווי איינער פון די מתפללים קלאפט אויפן בימה און בעט פון די אנוועזנדע: 'ביטע, אויב ענק קענען צו ווארטן איין מינוט און זאגט איין קאפיטל תהילים פאר מיין טאטן וואס ליגט אין די דערנעבנדיגן שפיטאל אין נישט קיין פשוט'ן מצב'.

די מתפללים, וואס א טייל פון זיי האבן זיך געאיילט ווי עס זעט אויס, האבן שוין אנגעהויבן ארויסגיין, אבער ר' אשר האט באשלאסן טון צו די זאך, ער איז שנעל צוגעגאנגען צום עמוד, און האט אנגעהויבן זאגן צוזאמען מיט די אנוועזנדע א קאפיטל תהלים אויפן פאטער פון יענער מתפלל, און האט געענדיגט מיטן זאגן א גערירטע 'מי שברך' וואס נאך דעם האבן אלע געענטפערט 'אמן'.

ווען ער האט געענדיגט און געוואלט צוריק גיין אויף זיין פלאץ, איז צוגעקומען צו אים יענער איד, און האט זיך ווארעם באדאנקט פאר אים, און האט אים ארויסגעוויזן זיין התפעלות אויף דעם וואס ער האט זיך מטריח געווען פאר א איד וואס ער קען נישט. נאכן רעדן עטליכע ווערטער האבן זיי זיך געזעגנט. ר' אשר איז איבערגעבליבן לערנען אין שול ביז די אפיסעס וועלן זיך צוריק עפענען. ער האט כאטש געהאט א גוטע פלאץ ווי צו ווארטן. נאך ארום צוויי שעה האט ר' אשר זיך געוואנדן צו די ריכטונג פון די אפיסעס וואס האבן זיך צוריק געעפנט, ער אריבער צווישן די געדרייטע קארידארן, און ווען ער איז אנגעקומען צו די געוואונטשענע אפטיילונג, איז אים פלוצלינג אקעגן געקומען זיין 'פריינד' פון שול.

דער מענטש האט זיך אינטערעסירט איף זיין אנקום אין די פלאץ, און ווען יענער האט פון אים געהערט די סיבה פון זיין קומען, האט ער אים איינגעלאדנט צו זיין אפיס, און אין לויף פון מער פון א שעה האט ער מיט געטריישאפט זיך אפגעגעבן מיט אים, ביז די אלע פראבלעמען זענען ערלעדיגט געווארן אויפן בעסטן אופן.

פון מינוט צו מינוט האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער מענטש איז פון די הויפט דירעקטארן אין די אפיסעס, און צוליב די פלאנטער פון די פראבלעם וואס ר' אשר האט זיך געדארפט פארמעסטן, האט ער נישט געהאט קיין שאנסן ארויסגיין פון די געשיכטע אויב די השגחה עליונה וואלט נישט צוגעפירט די באגעגעניש צווישן זיי וואס האט צום ענדע צוגעפירט מ'זאל פארמאכן די גאנצע פרשה.

אויב דאס איז נישט גענוג געווען, האט יענער איבערגעלאזט פאר ר' אשר זיין פריוואטן טעלעפאון נוממער, כדי ער זאל עס האבן אויב ער וועט נאכאמאל דארפן צוקומען צו אים, אזוי ווי עס האט טאקע פאסירט א וואך שפעטער, ווען עס איז אים אונטערגעקומען א אומגעראכטענעם פראבלעם, און דורך די עפליכע הילף איז עס זייער שנעל ערלעדיגט געווארן על צד היותר טוב.

'משנתה של תורה' שלח תשע"ט

עיצובים shay